חוברת כה

ספרי' — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

# רשימת זכרונות

**כתובים בידי הרבנית הצדקנית**

**מרת חנה ע"ה ז"ל**

**אשת כ"ק הרה"ג והרה"ח המקובל**

## מוהר"ר ר' לוי יצחק

**זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע**

**הוריו של כבוד קדושת**

## אדמו"ר מנחם מענדל

**זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע**

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

•

יוצא לאור על ידי מערכת

**„אוצר החסידים"**

770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שבעים ושתים לבריאה

שנת המאתיים להסתלקות־הילולא של כ"ק אדמו"ר הזקן

ב"ה.

# פתח דבר

הננו מו"ל בזה חוברת כ"ה של „זכרונות" שנרשמו ע"י הרבנית הצדקנית מרת חנה ע"ה, אמו של כ"ק אדמו"ר זי"ע.

בהוצאה זו, באה הרשימה כפי שנעתקה מכתב־ידה של הרבנית, ולאח"ז גם בתרגום ללה"ק, ובתוספת ציונים והערות בשוה"ג, כמבואר בפרטיות ב„פתח דבר" לחוברת הראשונה.

*

ויהי רצון שההוספה בהפצת המעיינות חוצה, תזרז את הגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, בקרוב ממש.

**מערכת „אוצר החסידים"**

ב' ניסן, ה'תשע"ב
שנת המאתיים להסתלקות־הילולא של כ"ק אדמו"ר הזקן
ברוקלין, נ.י.

**RESHIMAS ZICHRONOS**
KESUVIM BIDEI HARABANIS HATZIDKANIS
MARAS CHANA

INSTALLMENT 25

Published and Copyrighted © 2012
by
**KEHOT PUBLICATION SOCIETY**
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / Fax (718) 774-2718
editor@kehot.com

**Orders:**
291 Kingston Avenue / Brooklyn, New York 11213
(718) 778-0226 / Fax (718) 778-4148
www.kehot.com

All rights reserved.

The Kehot logo is a trademark of Merkos L'Inyonei Chinuch.

*Manufactured in the United States of America*

---

נסדר והוכן לדפוס על ידי חיים שאול בן חנה

The PrintHouse 538 Johnson Ave. Brooklyn N.Y. 11237 (718) 628-6700 :נדפס בדפוס

# אַ חופּה מיט אַ מנין אין מיטן נאַכט!

עס דערמאָנט זיך פון זיין לעבן: דאָס האָט פּאַסירט אין 1935, איז אַמאָל אַריין צו אונז אַ פּרוי אַזייגער עלף ביינאַכט, און האָט זיך אַרום געקוקט צו עס איז ניטאָ קיין פרעמדע מענטשן, און האָט זיך געווענדעט מיט זייער אַ שטילן קול:

רבי, איך בין געקומען צו אייך פון אַ ווייטער שטאָט, פון וואַנען וועל איך אַייך ניט זאָגן. אין אַ שעה אַרום, דאָס הייסט צוועלף ביינאַכט וועט קומען מיין טאָכטער און אַ יונגערמאַן, זיי פאַרנעמען ביידע גרויסע פּאָסטן, וואָס פאַר זיי איז דאָס אַ אמתע סכנות. נאָך מיינע בקשות מיט טרערן, האָבן זיי מיר צוגעזאָגט אַז ביי אַייך וועלן זיי שטעלן אַ חופּה, נאָר ביי קיין אַנדערן, וועלן זיי דאָס ניט טאָן בשום אופן.

צוועלף אַזייגער, זיינען זיי ביידע געקומען, זי פאַרשטעלט דעם פּנים, מען זאָל איר ניט זען. איך האָב זיי גלייך אַוועקגעפירט אין קאַבינעט מען זאָל זיי ניט באַמערקן. און דאָ האָט ער אָנגעהויבן מאַכן הכנות:

אַ מנין, אַנדערש האָט ער ניט געוואָלט מסדר קידושין זיין. האָט מען געדאַרפט נאָך אַכט מענער וואָס זיי זאָלן זיין „רואים" ואינם „נראים", און אויף הונדערט פּראָצענט אָרענטליך, זיי זאָלן דערנאָך ניט גיין מסר'ן!

פאַר אַ האַלבע שעה, איז דאָס געוואָרן.

אַ צענטער, ווי אַלעמאָל, האָט געפעלט. האָט ער געשיקט נאָך דעם „אופּראַוודאָם"[366], וואָס איז געווען אַ איד, אַ יונגער מענטש נאָך. אָפיציעל, האָט דער „אופּראַוודאָם" געדאַרפט נאָכקוקן נאָך אונזער שטוב צו עס גייען צו אונז אַ סך מענטשן צו באַזוך, און צו דער רב פירט דורך רעלעגיעזע אַקטן!

366) מנהל הבית (הבנין).

ווי ער איז אַריינגעגאַנגען, זאָגט אים מיין מאַן: איר דאַרפט זיין דער צענטער, אַז ניט, טאָר איך די חופּה ניט מאַכן[367]. ער האָט אַזוי מאָדנע אַ קוק געטאָן, און מיט וואונדער אַ קוק געטאָן – „איך"?! האָט ער געפרעגט. און האָט גלייך פאַרמאַכט שטאַרק די לאָדן און פאַרשלאָסן די טיר פון אינעווייניק און איז געבליבן זיצן, און מען האָט אָנגעהויבן זיך מכין זיין.

איך האָב געגעבן אַ טונקעלן פּליושעמען טישטאַך[368] וואָס איז געווען ענליך צו אַ דעק פון אַ חופּה. פון דעם מנין, זיינען געווען פיר יונגעלייט וועלכע זיינען געווען העכער אין וואוקס פון אַלעמען, האָבן זיי געהאַלטן דעם טישטאַך במקום שטעקנס.

אַז ס'איז שוין געווען אָנגעשריבן די כתובה, האָט מען אַרויסגערופן פון דעם פינצטערן חדר, דעם חתן מיט דער כלה. זיי האָבן אַלץ מורא געהאַט מען זאָל זיי ניט באַמערקן, האָבן זיי ניט געלאָזט מאַכן קיין „פייער"[369].

די כלה איז אַרויס פאַרדעקט דעם פּנים, אַזוי ווי זי איז אַריינגעגאַנגען, און קיינער האָט איר געזיכט ניט געזען. מען האָט זיך זיבן מאָל געדרייט. דער חתן – אַ הויכער יונגערמאַן מיט אַ לעדערנעם פּאַלטאָ, האָט אויסגעזען ווי אַ „קאָמיסאַר"[370] דאָרט, און אפשר איז ער געווען פון דעם „מין" – האָט געפאָלגט אַלץ וואָס מען האָט אים געהייסן, געזאָגט „הרי את מקודשת"...

האַלב נאָך איינס אַזייגער, איז דער חתן מיט די כלה אַרויסגעלאָפן אויף גיך פון שטוב, צווישן די געסט, דאָס הייסט דער „מנין", איז געווען צוויי מיט „פּאַרט־בילעטן"[371], זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט דערנאָך ביים טיש, האָבן אַוועקגעלייגט די „פּאַרט־בילעטן", און מיט אַזאַ וואַרעמקייט געזאָגט: איצט רבי זיינען מיר מיט אייך „אידן", אונז ווילט זיך פון אַייך

367) ראה רמב"ם הל' אישות פ"י ה"ה.
368) מפת קטיפה (פילוסין).
369) ראה מטה משה הלכות הכנסת כלה ס"ב.
370) קצין בולשת.
371) כרטיסי חבר במפלגה הקומוניסטית.

ניט אַוועקגיין. און אָנגעוויזן אויף די ביכלאַך, די „פּאַרט־ביליעטן", האָבן זיי געזאָגט, אַז זייענדיק מיט אייך אין איינעם איז דאָס גאָרניט.

דאָס האָב איך באַמערקט אין פאַקט פון אַ סך.

* * *

## אַ ברית ביי אַ קאָמוניסט

יענע וואָך איז אויך געווען אַ ברית ביי אַ קאָמוניסט, וואָס איז געווען אַ אָנפירער פון דעם גאַנצן טראַנספּאָרט[372] אויף פּעטראָווסקעס־זאַוואָד[373], ער האָט צו אונז צוגעשיקט אַ מענטשן זאָגן אַז ער פאָרט היינט ביינאַכט אַוועק אין אַ „קאָמאַנדיראָווקע"[374], און דאָ דאַרף די זאַך זיך אָפּטאָן. געוויינליך האָט מען אַלץ דורכגעפירט.

אַ טאָג נאָך דעם ברית, איז ער געקומען פון דער „קאָמאַנדיראָווקע". ביי אים איז געווען אַזעלכע שכנים וואָס ער האָט זיך פאַר זיי זייער געהיט. האָט ער גלייך געשריגן אויף דער פרוי, ווי האָט זי געלאָזט טאָן אַזאַ זאַך. ער האָט געשריגן אויף דער מוטער, אַז די שכנים זאָלן הערן, אַז ער וועט אויך איר דערלאַנגען אָנקלאָגן אין געריכט.

דערנאָך, ווען מען האָט מיין מאַן פאַרשיקט, און איך האָב אים געדאַרפט שיקן צוויי כלים צו זיין בעל־הבית'שקייט דאָרט, און האָב זיי פאַר קיין געלט ניט געקאָנט קויפן, האָט ער זיי ספּעציעל געמאַכט אויף דער פאַבריק, און האָט געזאָגט אַז מען דאַרף דאָס פאַר דעם דירעקטאָר, און האָט דאָס מיר איבערגעגעבן, און געבעטן אַז ווען איך וועל דאָס אַוועקשיקן זאָל איך שרייבן דעם רב אַז ער וועט אים קיינמאָל ניט פאַרגעסן בכלל, און באַזונדערס וואָס ער האָט געמאַכט זיין זון פאַר אַ אידן.

*

דערפאַר, ווען מיר פלעגן אָנהויבן רעדן וועגן פאָרן לחו"ל, האָט ער

372) תובלה.

373) מפעל פטרובסקי (מפעל גדול ליציקת מתכות בדניפּראָפּעטראָווסק).

374) נסיעת עסקים.

אַלעמאָל געזאָגט אַז ער האָט דאָס קיין רעכט ניט צו טאָן[375], אַז ער וועט אַוועקפאָרן וועט ווערן אויס בשר כשר, אויס טהרת־המשפחה, און בכלל רעליגיעזע ענינים, ער זעט ניט קיין אַנדערן ווער עס זאָל דאָס טאָן — ווי קען ער דאָס אַלץ לאָזן?!

און אין ארץ־ישראל האַלט ער אַז ער איז ניט ראוי צו פאָרן, ניט צוליב פרנסה אַליין דאַרף אַ איד פאָרן אין ארץ־ישראל[376].

* * *

## מיר האָבן באַקומען אַ פּאַפּיר פון דעם זון

אין צוויי חדשים נאָך דער חופה, וואָס איך האָב אויבן געשריבן, האָט מען געמאַכט אויף אונז „אַ פּאָקאַזאַטיעלנעם סוד"[377] — הייסט דאָס דאָרט — פאַר דער דירה. דאָס הייסט: אַז מען איז מודיע אַז אויף דעם דאַטום וועט זיין דער משפט פון דעם פלוני.

דער משפט האָט געדאַרפט זיין ביי אָפענע טירן, ווער עס וויל זאָל קומען הערן. דער תוכן פון דעם משפט איז געווען:

אַזוי ווי נאָך דעם געזעץ האָבן „סלוזשיטאַלי קוליטאַ"[190], די וואָס פירן אָן מיט רעליגיעזע ענינים, צאָלן ביז 55 רו"כ פאַר אַ סאָזשעני[378], ביי אונז איז שוין דעמאָלט געווען אַ קליינע דירה, פונדעסטוועגן האָבן מיר געדאַרפט צאָלן נאָך דעם געזעץ, מער פון 500 רו"כ אַ חודש. דאָס איז געווען אַבסאָליוט ניט מעגליך פאַר אונז, די לאַגע איז געוואָרן זייער אַ קריטישע.

ער האָט דאָס אַ סך צייט ניט געוואָלט טאָן — מען האָט געוואלט ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון רבנות. אַ סך רבנים האָבן געגעבן אַזעלכע

---

375) להעיר שכן הורה כ"ק אדמו"ר זי"ע לכו"כ שהי' להם איזה עמדה או משרה וכיו"ב שלא יעזבו את מקומם וכו' — ראה לדוגמא: אגרות־קודש שלו ח"ח ע' שכב. חי"ד ס"ע רסב ואילך. ח"כ ס"ע רנו ואילך. חכ"ב ס"ע קפו ואילך. ועוד.

376) ראה לעיל (ע' 000) שהוצע לכ"ק הרלוי"צ תפקיד הרבנות ביפו.

377) משפט ראווה.

378) מדת שטח רוסית (כ־4.55 מ"ר).

מודעות אין די בלעטער אַז זיי טראָגן אויף זיך ניט מער דעם נאָמען רב, ער האָט דאָס ניט געטאָן.

נאָר מיר האָבן באַקומען אַ פּאַפּיר[379] פון דעם זון וואָס האָט געלערנט דעמאָלט אין פּאַריז[380] — דעמאָלט איז די באַציאונגען צווישן רוסלאַנד מיט פראַנקרייך געווען גוטע — אַז אַזוי ווי זיין פאָטער איז אַן אַלטער מענטש — נאָך די יאָרן וואָס ער איז געווען אין פּאַספּאָרט[79] — האָט ער שוין געהאַט רעכט ניט אַרבעטן, און לעבן פון דעם וואָס די קינדער העלפן אים.

אַלזאָ, נאָך דעם פּאַפּיר וואָס ער האָט אונז צוגעשיקט, אַז ער, אַלס סטודענט, שיקט אונז מאָנאַטליך אַ געוויסע סומע. אויף דעם סמך פון דעם דאָקומענט, האָבן מיר געדאַרפט צאָלן פאַר דער דירה, אויף דעם אָרט פון 55 רו״כ, 2 רו״כ פאַר אַ קובאַמעטער[381], ווי אַ иждивенец[382] [„אַרבייטער״ קאַטעגאָריע[383]], און דער יחוס איבעראַל איז געוואָרן גרעסער, אין אַ סך פּרטים.

אָבער די אַלע פונקציעס וואָס געהערט צו אַ רב, האָט ער שוין ניט געדאַרפט אָנפירן. ער האָט מער ניט אָנגענומען קיינע דיני־תורה׳ס ניט געענטפערט אויף קיינע עקאָנאָמישע ענינים, אָבער וואָס עס איז געווען שייך צו רעליגיע, האָט ער בסתר — אויף וויפל מען האָט געקאָנט, מיט גרויס שוועריקייט און מסירת־נפש — געזען אַלץ זאָל זיך אָפּטאָן.

* * *

## דער אינהאַלט פון דעם משפט

און דאָס איז געווען דער אינהאַלט פון דעם משפט — וואָס פאַר אַ

379) מסמך כעין זה משנת 1937 בו מצהיר כ״ק אדמו״ר בפאַריז, שהוא שולח כל חודש כסף ומשלוחי אוכל ובגדים בשיווי של 350 פראַנק לאביו ולאמו בדניפּראָפּעטראָווסק — נדפס בקובץ „כ״ף מנחם־אב ששים שנה״ (קה״ת, תשס״ד) ע׳ 65.

380) כ״ק אדמו״ר שהה בפאַריז מחורף תרצ״ג עד חודש סיון ה׳ש״ת.

381) מטר מעוקב — הכוונה למדה דלעיל הערה 378.

382) נתמכים.

383) תיבות אלו נוספו אח״כ ע״י הרבנית במהדורה המוקלדת. וכנראה שע״פ חוק קשישים הנתמכים ע״י בניהם הסטודנטים נחשבו כשייכים לקטגוריית הפועלים.

מין שווערע ניט איינגענומענע איבערלעבעניש דאָס איז געווען — דאָס האָט עפּעס איינער אַ זאָג געטאָן אַז צו אונז גייען אַ סך מענטשן, מסתמא פירט ער נאָך די רבנות, במילא דאַרף מען ניט נעמען די דירה געלט ווי פון אַ מענטשן וואָס לעבט פון דעם זונ'ס הילף. דהיינו, ניט 20 רו"כ נאָר 500 רו"כ.

און צוליב דעם, מען זאָל ניט חושד זיין די домоуправление[384] [=דער אָרגאַניזיישאָן[383]], אַז זיי זיינען צופיל מטיב מיט שניאורסאָהן, איז חאָטש זיי האָבן זיך באַצויגן מיט דעם גרעסטן כבוד און האָבן געוואָלט נאָר גוטעס טאָן, נאָר אויף זיך פאַרהיטן האָבן זיי געמוזט דעם משפט אַזוי דורכפירן.

געמ'משפט האָבן דריי קאָמוניסטן און צוויי פרויען אַקטיוויסטקעס[385] פון דעם סעקשאָן. דער פּרעזידענט פון די שופטים איז געווען אַ קריסט.

איינע פון די פרויען האָט מיר דערנאָך דערציילט אַז ער האָט געזאָגט: лицо этого старика говорит, что он на подлости не пойдет[386]. דאָס הייסט, דעם פנים פון דעם מענטשן זאָגט אַז ער וועט קיין פאַלשע זאַכן ניט טאָן.

עס איז געווען זייער ניט איינגענעם. אין דעם געריכט זאָל איז זיך אָנגעגאַנגען אַ סך מענטשן, צווישן זיי זיינען געווען קריסטן אויך. עס איז געקומען אונזער אַ באַקאַנטער לאָיער אויך, ער האָט גערעכענט אַרויסטרעטן ניט פאָרגעצאָלט, נאָר ער האָט געזען — אַזוי האָט ער געזאָגט — אַז מען דאַרף ניט זיין הילף.

* * *

## די עדים באַ דעם משפט

אָט דער „אופראַוודאָם"[366], וואָס איז געווען ביי דער חופּה — ווי

---

384) הנהלת הבנין.

385) פעילות.

386) פני הזקן הזה מעידים שהוא לא יעשה עוול.

איך האָב אויבן געשריבן[387] – איז אויך געווען אַן עדות, וואָס דער געריכט האָט אַרויסגערופן, אַזוי ווי זיין פליכט איז געווען אויף נאָכקוקן ווי ביי אונז איז שטוב פירט מען זיך, זאָל ער, דער „אופּראַוודאָם”, זאָגן דעם אמת וועגן אַלץ.

האָט ער דערציילט אַז ער זעט קיינמאָל ניט אַריינגיין צו אונז קיין מענטשן, אַ חוץ צוויי אַלטע אידן, וועלכע מען האָט אים געזאָגט אַז דאָס איז אונזערע קרובים. קיין יונגע מענטשן, אַזעלכע וואָס מען זאָל קענען פון זיי האָבן פרנסה, אָדער וואָסערע ניט־איז אַנדערע געזעלשאַפטליכע אינטערעסן, האָט ער קיינמאָל ניט געזען. און האָט זיך אויף דעם גע'חתמ'עט, אַז ער איז פאַראַנטוואָרטליך פאַר זיינע רייד.

אויך די מוטער פון דעם ברית – וואָס איך האָב דאָ געשריבן[388] – האָט געזאָגט: אַז זי וואוינט ניט ווייט פון אונזער וואוינונג, און ווי אַ שטוב פון אַ געוועזענעם אָנפירער ביי אידן, האָט זי זיך אָפט מאָל צוגעקוקט ווער גייט איצט אַהין, און וואָס פאַר אַ באַציאונגען איז צו אַזעלכע מענטשן פון דער אידישער באַפעלקערונג – האָט זי קיינמאָל ניט באַמערקט אַז עס זאָל זיין עפּעס־וואָס אַ רוח־חיים לעבן דער שטוב, אָדער מען זאָל זיך מיט וואָס פאַר ניט־איז ענין ווענדן צו דעם אַלטן[250].

מיט איר, האָט מען זיך גערעכנט ווי מיט אַ פּרוי פון אַן אַלטן קאָמוניסטישן אַרבעטער וואָס פאַרנעמט אַ הויכן פּאָסטן.

זייער ניט גוט האָט זיך געפילט דער אָנגעקלאָגטער אַליין[250]. ער איז געווען שרעקליך בלייך, זיין שטאַרקער רצון איז געווען צו זאָגן זיי בקול־רם, אַז אַלע זאָלן הערן: אַז איך אַליין פיר זיך אויף אַלע הונדערט פּראָצענט רעליגיעז, און וויפל איך קען וויל איך משפיע זיין דאָס אייגענע אויף וועמען און וואו איך האָב נאָר די מעגליכקייט. און דאַרפן, האָט ער געמוזט זאָגן גאָר אַנדערש.

נאָך דעם אַלעמען וואָס די עדים האָבן צוגעשטעלט, און זיי האָבן געזען אַז ער ערגערט זיך זייער – האָבן די שופטים אים גאָר ווייניק

387) לעיל ע׳ 000.

388) לעיל ע׳ 000.

פראַגן געשטעלט. דאָך, איז דאָס געווען אַ שטאַרקע אָנשטרענגונג, וואָס לאָזט נאָך זיך גאַנץ ניט געשמאַקע געפילן.

* * *

## מען האָט אונז גלייך איבערגעגעבן די החלטה

ער איז אַרויס נקי פון אַלץ וואָס מען האָט אים געוואָלט באַשולדיקן.

מודיע זיין די החלטה פון די שופטים, האָט מען געדאַרפט אויף פינף טעג שפעטער, אזוי איז דער מנהג. נאָר בלי יודעים, האָט מען אונז גלייך, אין אַ שעה אַרום ווי דער משפט האָט זיך געענדיקט, איבערגעגעבן אַז עס איז אָל־רייט.

מיט איינע פון די „נאַראָדנע זאַסעדאָטיעליניצעס״[389] וואָס האָט אויך גענומען אַן אָנטייל אין דעם משפט, האָט מען זיך מיט איר מיישב געווען וואָס פאַר אַ החלטה אַרויסטראָגן, און בכלל ווי צו צו־גיין צו דעם משפט. געווען אַזעלכע וועלכע האָבן דאָס געוואָלט באַטראַכטן ניט ווי אַן עניין פּרטי, נאָר ווי צו באַווייזן, מען זאָל זען ווי איינער פון די אָנגעזעענסטע אָנפירער פון רעליגיע פירט זיך. זי (די נאַראָדנע זאַסעד'ן[389]), איז געווען אַ קריסטליכע, האָט זי געבעטן איינע אַ אידעשע חבר'טע אירע, זי זאָל איבערגעבן שניאורסאָהן וועגן דער החלטה, ער זאָל זיך ניט דאַרפן ערגערן די פינף טעג ביז מען וועט אים אָפיציעל איבערגעבן פון דעם.

דאָס איז איינע פון די איבערלעבענישן וואָס מען האָט גאַנץ אָפט געהאַט. חאָטש ער איז לסוף אַרויס אַלעמאָל בכבוד, מעג מען זאָגן, און האָט צו זיך געהאַט די בעסטע באַציאונג, דאָך, האָט דאָס קיין מנוחת הנפש ניט צוגעגעבן, און שטענדיק האָט מען פאַר עפּעס געדאַרפט האַלטן „מלחמה״.

* * *

389) „יועצים עממיים״ — בני־אדם חסרי השכלה משפטית, בדרך־כלל חברי המפלגה, שצורפו לבתי־משפט סובייטיים במעמד של שופטים לכל דבר.

## חופה באישון לילה

אני נזכרת במקרה שאירע בימי חייו של בעלי, בשנת 1935.

פעם, בשעה אחת־עשרה בלילה, נכנסה לביתנו אשה, הביטה סביבה כדי לוודא שאין אנשים זרים, ופנתה אל בעלי בקול חרישי:

״רבי! באתי אליכם מעיר רחוקה מאוד, לא אומר לכם מאין. בעוד שעה — כלומר: בשעה שתים־עשרה בלילה — תבוא לכאן בתי, ועמה איש צעיר. שניהם תופסים משרות בכירות, וחופה כדת משה וישראל מהווה עבורם סכנה אמיתית. אך בעקבות תחנוניי ודמעותיי, הבטיחו לי שאצלכם מוכנים הם לערוך חופה, אבל אצל מישהו אחר — לא יעשו זאת בשום אופן!״

בשעה שתים־עשרה הגיעו השניים, פני הנערה מכוסות כדי שלא ניתן יהיה לראותה. מיד הולכתי אותם אל חדר עבודתו של בעלי, כדי שלא יבחינו בהם. בשלב זה החל בעלי בהכנות לחופה.

לכל־לראש — יש להשיג מניין; אחרת לא היה בעלי מסכים לסדר את הקידושין. היה צורך למצוא עוד שמונה אנשים שיהיו בבחינת ״רואים ואינם נראים״, ומהימנים בכל מאת האחוזים, כדי שלא ילשינו לאחר־מכן.

בתוך חצי־שעה הצטבר מניין, אבל עשירי — כמו תמיד — היה חסר. בעלי שלח אפוא אחרי מנהל הבניין, שהיה יהודי, ולא עוד אלא צעיר בשנים. רשמית היה זה מתפקידו של מנהל הבניין לבלוש אחרי ביתנו ולבדוק אם אנשים רבים מגיעים לבקר, ואם הרב מנהל בבית טקסים דתיים.

עם כניסתו של מנהל הבניין לביתנו, אמר לו בעלי: ״עליך להיות עשירי למניין — שאם לא־כן אסור לי לערוך את החופה!״[192] האיש הביט בבעלי במבט מוזר, מבט שכולו תדהמה: ״אני?!״ — שאל, ומיד סגר היטב את התריסים, נעל את דלת הבית מבפנים, והתיישב על מקומו.

החלו ההכנות לחופה עצמה. הבאתי מפת־שולחן כהה, עשויה פילוסין[193], שדמתה ליריעה של חופה. ארבעה צעירים מתוך ה״מניין״, שהיו גבוהים בקומתם מהשאר, אחזו בקצות המפה במקום מוטות.

---

192) ראה רמב״ם הל׳ אישות פ״י ה״ה.

193) מין אריג שעיר, דומה לקטיפה אך שעיר ממנה.

משנסתיימה כתיבת הכתובה, נקראו החתן והכלה מחדר העבודה החשוך. הם פחדו כל־כך שיבחינו בהם ויגלו את זהותם, עד שלא הניחו לנו להדליק אבוקות אש כנהוג[194]. הכלה יצאה מהחופה כשפניה מכוסות, בדיוק כפי שנכנסה, ואיש לא ראה את פניה.

נערכו שבע "הקפות". החתן — צעיר גבוה לבוש מעיל עור, שנראה כקצין־בולשת, ואולי באמת היה משהו ממין זה — ציית לכל הוראותיו של בעלי, אמר "הרי את מקודשת" וכו׳. בשעה אחת וחצי בלילה מיהרו החתן והכלה לעזוב את ביתנו.

בין "אורחינו" — כלומר: משתתפי ה"מניין" — היו שניים שהחזיקו בכרטיסי חבר במפלגה הקומוניסטית. לאחר החופה הם התיישבו לשולחן, הניחו עליו את כרטיסי החבר שלהם, ואמרו בהתרגשות רבה: "עכשיו, רבי, אנו נמצאים יחד עמכם כיהודים, ואין רצוננו להיפרד מכם!" הם הצביעו על הפנקסים, כרטיסי החבר, ואמרו: "כשאנו נמצאים במחיצתכם — כל זה הוא חסר ערך!"

למעשה, הבחנתי בתגובות כאלה מאנשים רבים.

## ברית־מילה לבנו של קומוניסט

באותו שבוע התקיימה גם ברית־מילה לבנו של קומוניסט, שהיה האחראי על כל תחום התובלה במפעל פטרובסקי[195]. הוא שלח מישהו להודיע לנו שבאותו לילה עומד הוא לצאת לנסיעת עסקים, ובתקופת היעדרו צריכה ברית־המילה להתקיים. כמובן, הכל בוצע כדת וכדין.

יום לאחר הברית חזר האב מנסיעת העסקים. היו לו שכנים שהוא חשש מהם מאוד. הוא החל אפוא מיד לגעור באשתו — כיצד הרשתה לעשות מעשה שכזה! הוא אף איים על אמו בצעקות — לאזני השכנים — שיגיש נגדה תלונה בבית־המשפט...

לימים, כשהוגלה בעלי, והיה עלי לשלוח אליו למקום גלותו שני כלים לשימושו, ולא ניתן היה להשיגם גם תמורת תשלום מלא — עשה אותם איש זה במיוחד עבורי במפעל, באמרו שהוא זקוק להם לצורך המנהל. הוא מסר לי את הכלים, וביקש שכשאשלח אותם אכתוב בשמו אל הרב שהוא לעולם לא ישכח אותו בכלל, ובפרט לא ישכח את העובדה שהרב עשה את בנו ליהודי.

---

194) ראה מטה משה הלכות הכנסת כלה ס"ב.

195) מפעל גדול ליציקת מתכות בדנייפרופטרובסק.

בשל כל המאורעות הללו, כל אימת שהחל לעלות על הפרק הרעיון לנסוע לחו״ל — היה בעלי אומר תמיד שאין הוא רשאי לעשות זאת[196], שכן אם יעזוב את המקום — לא יהיה עוד בשר כשר, לא תהיה עוד טהרת המשפחה, ולא יהיו ענייני דת בכלל. ומאחר שאין הוא רואה אף אחד שיוכל לעשות זאת — כיצד יכול הוא לעזוב את הכל?!...

ולגבי נסיעה לארץ־ישראל[197] — אמר בעלי שלדעתו אין הוא ראוי לנסוע לשם. אל לו ליהודי לנסוע לארץ־ישראל לשם פרנסה בלבד!...

## משפט ראווה

חודשיים אחרי אירוע החופה, שעליו כתבתי לעיל, הוכרז נגדנו ״משפט ראווה״ — כפי שהדבר נקרא שם — בעניין הדירה שבה גרנו. פירושו של ״משפט ראווה״ הוא, שבית־המשפט מודיע שבתאריך פלוני יתקיים משפטו של פלוני, והמשפט עצמו נועד להתנהל בדלתיים פתוחות, כך שכל הרוצה בכך יכול לבוא ולשמוע את הנעשה.

תוכן המשפט היה:

על־פי חוק, היו ״כהני פולחן״ — אלו המנהלים את ענייני הדת — מחוייבים בתשלום חודשי שהגיע עד 55 רובל לכל סאז׳ן מרובע[198] משטח דירתם. לנו כבר היתה אז דירה קטנה בלבד, אך למרות זאת, על־פי חוק זה היה עלינו לשלם למעלה מ־500 רובל לחודש, סכום שלא יכולנו לעמוד בו בשום אופן. מצבנו היה קריטי ביותר.

במשך זמן רב סירב בעלי לעשות מה שהשלטונות רצו שיעשה — להתפטר מהרבנות. רבנים רבים פרסמו בעיתונים מודעות כי הם אינם נושאים עוד בתואר ״רב״; אך בעלי לא עשה זאת.

כתחליף לכך קיבלנו מסמך מבננו, שלמד באותה תקופה בפאריז[199] (באותם ימים שררו יחסים טובים בין רוסיה לצרפת), ובו הוא מצהיר על תמיכה כספית באביו, שמאחר שהוא אדם קשיש (על־פי הגיל הרשום במסמכיו האישיים[42]), זכאי הוא כבר שלא לעבוד, אלא לחיות מתמיכתם הכספית של ילדיו.

---

196) להעיר שכן הורה כ״ק אדמו״ר זי״ע לכו״כ שהיתה להם עמדה או משרה וכיו״ב, שלא יעזבו את מקומם — ראה לדוגמא: אגרות־קודש שלו ח״ח ע׳ שכב. חי״ד ס״ע רסב ואילך. ח״כ ס״ע רנו ואילך. חכ״ב ס״ע קפו ואילך. ועוד.

197) ראה לעיל (ע׳ 000) שהוצע לרלוי״צ תפקיד הרבנות ביפו.

198) מדת שטח רוסית (כ־4.55 מ״ר).

199) כ״ק אדמו״ר זי״ע שהה בפאריז מחורף תרצ״ג עד חודש סיון ת״ש.

ובכן, במסמך זה ששלח לנו בננו נאמר שהוא, כסטודנט, שולח לנו מדי חודש סכום מסויים[200]. על סמך מכתב זה היה עלינו לשלם על הדירה — במקום 55 רובל — 2 רובלים בלבד למטר מעוקב[201], כדין נתמכים (השייכים לקטגוריית הפועלים). ובכלל — מאז שהגיע לידינו מסמך זה, גדל ה״ייחוס״ שלנו בפרטים רבים.

אלא שכדי שנוכל להשתמש במסמך זה, לא היה בעלי יכול להמשיך ולמלא את כל התפקידים המהווים חלק מאחריותו של רב. מאז הפסיק בעלי לדון בדיני תורה, ולא השיב לשאלות בענייני כספים וכלכלה.

יחד עם זאת, בכל הנוגע לענייני דת, המשיך בעלי — ככל שהדבר היה אפשרי, ומתוך קשיים רבים ומסירות־נפש — לדאוג בסתר לכך שהכל יתנהל כדין.

זה היה, אפוא, תוכנו של המשפט (כמה קשה ובלתי־נעימה היתה חווייה זו!):

מישהו פלט שאנשים רבים מגיעים לביתנו, ומשמעות הדבר היא שמסתמא ממשיך בעלי לנהוג ברבנות, וממילא אין לגבות ממנו את התשלום עבור הדירה כדין סתם אדם החי על תמיכת בנו, דהיינו 20 רובל, אלא יש לגבות ממנו 500 רובל.

בשל הלשנה זו נאלצה הנהלת הבניין (כלומר: הארגון שבמסגרתו נוהל הבניין) — כדי להגן על עצמה, שלא תיחשד כי היא מיטיבה עם שניאורסון יתר על המדה — לנהל נגדנו את המשפט בצורה שכזו, על־אף שבדרך כלל הם נהגו כלפינו בכבוד הגדול ביותר, ורצו רק להיטיב עמנו.

ה״שופטים״ היו שלושה קומוניסטים ושתי נשים, פעילות בתא המפלגתי. אב בית־הדין היה נוצרי. אחת הנשים סיפרה לי לאחר־מכן שהוא התבטא: ״פניו של הזקן הזה אומרות כי הוא לא יעשה עוול״.

היה זה בלתי־נעים בעליל. אל אולם בית־המשפט הגיעו אנשים רבים, בהם גם נוצרים. הגיע גם עורך־דין ממכרינו, שהיה בדעתו להתערב למעננו ללא תשלום, אך נוכח לדעת — כך אמר — שאין אנו זקוקים לעזרתו.

---

200) במסמך דומה משנת 1937, שנכתב בפאריז, מצהיר כ״ק אדמו״ר זי״ע שהוא שולח מדי חודש כסף, מזון ובגדים בשווי 350 פראנק לאביו ולאמו בדנייפרופטרובסק. המסמך נדפס בקובץ ״כ״ף מנחם אב ששים שנה״ (קה״ת תשס״ד) ע׳ 65.

201) הכוונה ליחידת המדה הנזכרת לעיל הערה 198.

אותו מנהל בניין, שנכח בשעת החופה — כפי שכתבתי לעיל[202] — נמנה אף הוא על העדים שנקראו לבית־המשפט להעיד. כמי שתפקידו היה לבלוש אחרי אופן ההתנהלות בביתנו, נקרא מנהל הבניין לספר את האמת על כל זאת.

הוא סיפר, אפוא, שלעולם אין הוא רואה אנשים נכנסים לביתנו, מלבד שני יהודים קשישים שנאמר לו כי הם קרובינו. אנשים צעירים — כאלה שניתן להתפרנס מהם, או שניתן לייחס לביקוריהם אינטרסים ציבוריים אחרים כלשהם — לא ראה מעולם. הוא אף חתם על עדות זו בהצהרה שהוא אחראי לדבריו.

גם אמו של הרך הנימול — שעליו סיפרתי כאן[203] — העידה כי היא מתגוררת לא הרחק מדירתנו, ומאחר שמדובר בביתו של מנהיג יהודי לשעבר — נהגה לעקוב לעתים קרובות כדי לראות מי הולך לשם עתה, ומהו יחסה של האוכלוסייה היהודית לאנשים מסוג זה; אך מעולם לא הבחינה שישנה רוח־חיים כלשהי סביבות ביתנו, או שמישהו פונה בעניין כלשהו אל "הזקן"[122].

בית־המשפט התחשב בעדותה, כאשתו של פועל קומוניסטי ותיק שהחזיק בתפקיד בכיר.

הרגשה בלתי־נעימה כלל וכלל היתה מנת חלקו של הנאשם בעצמו[122]. הוא היה חיוור להחריד. עז היה רצונו לומר להם בקול רם, כך שהכל ישמעו: "אני עצמי מתנהג על־פי הדת בכל מאת האחוזים, ועד כמה שביכולתי — רצוני הוא להשפיע בכיוון זה על כל יהודי, ובכל מקום שתהיה לי ההזדמנות לכך!"... ואילו בפועל — הוכרח בעלי לומר דברים שונים לחלוטין.

לאחר שמיעת כל העדויות שנמסרו על־ידי העדים, ולאחר שראו את צערו הרב של בעלי — הציבו השופטים בפניו שאלות מעטות בלבד. ועדיין עלה לו הדבר במאמץ רב, המשאיר אחריו תחושות בלתי־נעימות כלל.

למעשה יצא בעלי נקי מכל ההאשמות שניסו לטפול עליו.

בהתאם לנוהג המקובל, היה על בית־המשפט להודיע לנו על החלטת השופטים כעבור חמישה ימים. אך בלא־יודעים נמסר לנו מיד — שעה לאחר סיום המשפט — שהכל בסדר.

---

202) ע׳ 000.

203) לעיל ע׳ 000.

אחת מ"היועצות העממיות"[204] — שנטלה אף היא חלק במשפט, והשופטים נועצו בה לגבי ההחלטה שתתקבל, ואף לגבי הגישה הכללית לעריכת המשפט (שכן היו מי שרצו שלא להתייחס למשפט זה כעניין פרטי, אלא להשתמש בו באופן הפגנתי, כדי שהכל יראו כיצד מתנהג אחד המנהיגים הגדולים הבולטים ביותר) — שהיתה נוצרייה, ביקשה מאחת מחברותיה, יהודייה, שתמסור לשניאורסון על ההחלטה, כדי שלא יצטרך לסבול חמישה ימים של צער עד שההחלטה תימסר לו באופן רשמי.

זוהי אחת מהחוויות שהיו מנת חלקנו לעתים קרובות למדי. אמנם בסופו של דבר יצא בעלי תמיד בכבוד, כך ניתן לומר, והיחס אליו היה הטוב ביותר; אבל הדבר לא הוסיף לו למנוחת הנפש, ותמיד היה עליו לנהל מלחמה על עניין כלשהו.

204) "יועצים עממיים" היו בני־אדם חסרי השכלה משפטית, בדרך־כלל חברי המפלגה, שצורפו לבתי־משפט סובייטיים במעמד של שופטים לכל דבר.

נדפס על ידי ולזכות

**יוסף יצחק הכהן** בן **רישא**

וזוגתו **נחמה דינה** בת **מלכה רייזל**

**אוריאל צבי הלוי** בן **גיטל עטל**

וזוגתו **בתי'** בת **שרה מינדל**

**שלום דובער** בן **רבקה נעמי**

וזוגתו **אסתר** בת **מרים**

**בנימין** בן **חדוה**

וזוגתו **רבקה רחל** בת **אסתר שיינדל**

ומשפחתם שיחיו לאריכות ימים ושנים טובות

להצלחה רבה ומופלגה בטוב הנראה והנגלה

בכל אשר יפנו בגשמיות וברוחניות

ולנחת רוח יהודי חסידותי מתוך שמחה וטוב לבב